# וכל מאמינים

**א וועכנטליכע בלעטל ארויס געגעבן דורך בני אמונים**

חג הפסח תשפ"ד שנה י | גליון מס' 530

בני אמונים
מתחזקים בעניית אמן
לע"נ הרה"ח ר' חיים בן ציון
בהרה"ח ר' אהרן צבי מרמורשטיין זצ"ל
נפטר יג' אלול תשס"ג

ת.ד 102 בני ברק | פקס : 03-5055919
9139191@gmail.com


## פניני אמונים

### פערל ווערטער אין די הגדה פון פסח

## א 'לחם' וואס איז ממשיך ישועות מן השמים

"הָא לַחְמָא עַנְיָא דִּי אֲכָלוּ אַבְהָתָנָא בְּאַרְעָא דְמִצְרָיִם. כָּל דִּכְפִין יֵיתֵי וְיֵיכֹל, כָּל דִּצְרִיךְ יֵיתֵי וְיִפְסַח. הָשַׁתָּא הָכָא, לְשָׁנָה הַבָּאָה בְּאַרְעָא דְיִשְׂרָאֵל"

די תורה הק' רופט אן די מצה "לחם עני" (דברים טז ג). חז"ל דרש'נען (פסחים קטו ב) אז לחם עוני מיינט: "לחם שעונים עליו דברים הרבה", אז מען דארף זאגן די הגדה בשעת ווען די מצות ליגט פאר דיר. **דער בעלזער רב הרה"ק רבי יהושע זי"ע** האט געזאגט אז אין די ווערטער פון חז"ל ליגט דא נאך א כוונה, אז אין די נאכט נעמט הקב"ה אן די תפילות פון אידן אויך אויף "דברים הרבה" - אסאך זאכן ווייל אים דעם נאכט ווערט נתעורר די ניסים ונפלאות וואס הקב"ה האט געמאכט פאר די אידן אין מצרים.

די בחינה איז מרומז אין די ווערטער: "הא לחמא עניא" - אז אויף די לחם ענטפערט הקב"ה אלע אונזערע בקשות ווייל אין די נאכט דערוועקט זיך די ניסים וואס איז געמאכט געווארן "אבהתנא בארעא דמצרים". פאר אונזערע עלטערן אין מצרים און וועגן דעם קען מען בעטן: "כל דכפין ייתי וייכול" - אז הקב"ה זאל משפיע זיין אויף אונז פרנסה בהרחבה גדולה, "כל דצריך ייתי ויפסח" - און אז מען זאל זיך אויף אונז דערבארעמען פון הימל און ווי דער תרגום אונקלוס טייטש אויס די ווערטער (שמות יב כז): "פסח" - "חמל". - אז ער זאל זיך דערבארעמען אויף אונז אבער די בעסטע זאך איז אז מען זאל די נאכט בעטן אויף די גאולה און ווי דער פסוק זאגט: "לשנה הבאה בארעא דישראל".

הגש"פ 'קול יהודה' עמ' לז

## פארוואס מאכט מען נישט קיין ברכה אויף סיפור יציאת מצרים

"וַאֲפִילוּ כֻּלָּנוּ חֲכָמִים, כֻּלָּנוּ נְבוֹנִים כֻּלָּנוּ זְקֵנִים כֻּלָּנוּ יוֹדְעִים אֶת הַתּוֹרָה מִצְוָה עָלֵינוּ לְסַפֵּר בִּיצִיאַת מִצְרַיִם"

די מצוה פון יציאת מצרים אין ליל הסדר איז א מצות עשה און עס שטעלט זיך די שאלה פארוואס מאכט מען אויף נישט קיין ברכה "אשר קדשנו במצוותיו וציוונו על סיפור יציאת מצרים" אזוי ווי מען מאכט אויף אנדערע מצות עשה?

**דער חוות דעת רבי יעקב מליסא** זאגט אז די סיבה דערפאר איז ווייל מען האט נישט מתקן געווען צו מאכן א ברכה אויף א זאך וואס דער גאנצער מהות פון איר איז ברכה געגוי אזוי ווי מען האט נישט מתקן געווען צו מאכן א ברכה פאר די מצוה "ברכת המזון"ץ.

די סיבה דערצו, געט ער צו פארשטיין, איז ווייל מען לויבט דאך סייווי דעם באשעפער און עס האט נישט קיין פשט צו מאכן א ברכה אויף א ברכה און ווייל די סיפור יציאת מצרים ענדיגט זיך מיט די ווערטער "אשר גאלנו" מאכט מען נישט קיין ברכה אויף איר.

דער **'שפת אמת'** זאגט א צווייטער טעם על פי די כלל וואס עס שרייבט דער רבינו בחיי (במדבר טו לח) אז חז"ל האבן נישט מתקן געווען צו מאכן א ברכה אויף ברכת המצות וואס די שכל זאגט אז מען איז מחוייב מיט זיי און ווייל די מצוה פון דער סיפור יציאת מצרים איז א מצוה וואס דער שכל איז מחייב, ווייל א איד דארף דאך דאנקען הקב"ה, מאכט מען נישט קיין ברכה אויף איר פאר דעם.

הגש"פ 'מעשה ניסים' בפתיחה; 'שפת אמת' פסח תר"מ

## פניני אמונים

### פערל ווערטער אויף תפילה אין די פרשה

## "ושאינו יודע לשאול – את פתח לו"

אין דער סדר פון די הגדה ליינען מיר איבער די פיר קינדער וואס איז דא און וואס איז דער פאסיגער וועג אז מען זאל דערציילן פאר זיי די סיפור פון יציאת מצרים. דער בעל הגדה רעכענט אויס יעדער איינער מיט זיין שאלה און געט פאר'ן יעדן איינעם א תירוץ וואס מען זאל אים זאגן אבער ווען עס רעדט זיך פון דער "שאינו יודע לשאול" האט דער בעל ההגדה אן אנדערע מהלך, ער זאגט פאר'ן איד: "את פתח לו" - ווארט נישט ער זאל פרעגן אדער ענטפערן נאר הייב אן רעדן צו אים פון דעם.

די סיפור פון יציאת מצרים איז מורכב פון צוויי מענטשן. עס האט א מספר און א שומע און די זעלבע איז אויך ביי יעדע שבח וואס מען געט פאר הקב"ה, אז די שבחים ווערן מושלם פון א ברכה מיט אן עניית אמן און ווי דער פסוק זאגט אין תהלים (לד ד): "ונרוממה שמו יחדו".

עס קען זיין אז געגוי ווי ביי די סיפור יציאת מצרים איז דא א בחינה פון א "שאינו יודע לשאול" איז אויך דא ביי דער אמן די זעלבע זאך. עס כאפט נישט קיין נפקא מינה צי עס איז ווייל ער פארשטייט נישט די חשיבות הענין אדער ווייל ער שעמט זיך, אבער די זאך איז דא אבער עס איז דיין פליכט צו זיין דער וואס איז מקיים די חלק פון: את פתח לו!", גיי צו צודעם איד און זיי אים מציע ער זאל ענטפערן פון דיין אמן אדער פארקערט, זאג אים אז דו וועסט זיך פרייען צו ענטפערן זיינע אמנ'ס.

דערביי קענסטו אויסשמועסן די גרויסקייט פון ענטפערן אז עס באטרעפט כמנין צ"א און נאך מעלות וואס עס איז דא אין איר.

דער יסוד איז אויך מרומז אין דער אנהייב פון דער ליל הסדר ווי מען זאגט: "כל דכפין ייתי וייכול!". דארט גייען מיר אין די וועגן פון אברהם אבינו וואס האט פארשפרייט די אמונה אויף די וועלט מיט די מצוה פון הכנסת אורחים און ווי אזוי האט עס געטון מיט'ן זאגן פאר זיינע געסט: "ברכו למי שאכלתם משלו; סבורים אתם שמשלי אכלתם? משל מי שאמר והיה העולם אכלתם!" (רש"י בראשית כא לג).

יהי רצון אז מיר זאלן זוכה זיין זיך אנצושעפן מיט הויפענעס פון אמונה אין דעם הייליגן יום טוב און זוכה זיין צו אנשעפן מיט אוצרות פון אמונה פאר אונז און פאר אונזערע קינדער אז עס זאל מקויים ווערן ביי אונז אז עס זאל זיך נישט אפטון דער 'אמן' מפינו ומפי זרענו עד עולם.

**בקריאת "ונרוממה שמו יחדו",**
**ובברכת פסח כשר ושמח,**

יעקב דוד מארמארשטיין

# — א מעמד 'קריאת המגילה' אין יום טוב פסח —

פון די שטעט אין ארץ ישראל וואס טראץ וואס זיי זענען רעלאטיוו נאך א שטאט און נישט אויסנאמליך גרויס און געפינט זיך אויך נישט אין צענטער פון לאנד איז ער זייער באקאנט ציילט זיך די שטאט שדרות.

יעצט האט ער שוין געהאט א גרעסערע סומע אבער עס האט נאך געפעלט צוויי מיליאן שקלים. יענעם טאג האט ער זיך דערמאנט פון א איד וואס פלעגט געבן געלט און זיך פארבינדן מיט יענעם און יענער האט געזאגט אז ער גייט געבן געלט.


די מגילת אסתר ווי זי הענגט אויף די ווענט פון דער שול אין די שטאט שדרות - צילום: יעקב בר יוחאי

שדרות, איז זייער א פאפולערע שטאט און דאס איז צוליב דעם וואס פאר יארן לאנג אין איין ציה איז זי געווען א צילברעט פון די כאמאסניקעס און טאג טעגליך פלעגן די כאמאסניקעס שיסן אויף איר מיסלס.

צו איר קלימאקס איז זי אנגעקומען דעם לעצטן שמחת תורה ווען מער ווי צען טעראריסטן האבן באלאגערט די שטאט און אומגעברענגט אין איר מער ווי פופציג אידן הי"ד.

איבריג צו זאגן אז די שווערע מציאות אין וואס זיי האבן געלעבט האט צוגעברענגט צו דעם אז יעדע געביידע וואס איז געבויט געווארן אין איר דארף געבויט ווערן מיט א באזונדערע שוץ וואס זאל איר בויען ווי א שעלטער פאר'ן שטאט.

עס איז אזוי ביי פריוואטע געביידעס און נאך ערגער ביי ציבור'ישע געביידעס ווי שולן אדער שולעס.

די טרוקענע מציאות איז גורם אז ווען מען וויל בויען א שול איז די קאסטן פון בויען א שול היבש טייערער ווי די געוועגליכע בויערײ.

ווען דער ארטיגער רב פון די געגענט הרב שמעון בר יוחאי האט באשלאסן איבערצובויען א לאקאלע שול האט ער דאס גענומען אין באטראכט און זיך אינטערעסירט אין וויפיל אזא אונטערנעמונג גייט ארייננציען אבער הערנדיג די נומערן איז ער געווארן דערשטיטערט, די קאסטן איבערצובויען די שול און עס איר אהערשטעלן ווי עס דארף צו זיין האט ארייננגעצויגן אין די אסטראנאמישע סומע פון זעקס מיליאן שקל [כמעט א מיליאן מיט זעקס הונדערט טויזנט דאלער].

די גרויסע סומע האט אים געמאכט קלערן אז ער זאל זיך ארויסלאזן פון דעם געשעפט, עס איז מער ווי ער קען צושטעלן אבער דאן האט זיך געפירט פון הימל, אז ער האט זיך באגעגענט מיט די סגולה פון ליינען די מגילה פסח.

די סגולה ווערט געברענגט אין משנה ברורה [ת"צ ב] און אין די הגדה וואו ער האט עס געזען איז געשטאנען צוגעצייכענט אז די מנהג איז מסוגל פאר אלע מיני ישועות און איז מעורר רחמים מרובים אויפ'ן כלל ישראל.

דער באגעגעניש מיט די קאמישע מנהג, דווקא אין א צייט ווען ער דארף אזוי וויכטיג א ישועה הארט אנגעצינדן ביים אים א רויטע לעמפל און ווען ער האט געהאלטן די דרשה שבת הגדול פאר זיין ציבור האט ער זיי מודיע געווען אז ער גייט עס אויספירן.

נישט אלע אין שול זענען געווען אזוי באגייסטערט פון דעם מנהג, אבער דער רב האט זיך געהאלטן שטארק און איינגעמאלדן פאר יעדן אז מוצאי יום טוב ראשון גייט מען ליינען די מגילה ברוב עם און אז דאס וועט זיין לזכות אז די שול זאל זיך בויען במהרה.

נאך מעריב האט מען געליינט די מגילה און די שערי ישועה האבן זיך געעפענט. צומארגענס ווען דער רב האט געהאלטן אינמיטן לערנען האט איינער פון די לומדים ביים שיעור אריינגעקלאפט און דערציילט אז ער האט היינט געווינען א לאטערי טיקעט און די מעשר געלט וויל ער שענקען אז מען זאל בויען די געבוי פון דעם שול.

ווען דער רב האט דאס געהערט איז ער געווארן ערמוטיגט און געזען אז די ישועה איז דא און אנגעהויבן זיך ווענדן צו אנדערע אז זיי זאלן אים קומען צוהילף מיט די בויערײ.

וויסנדיג אז אין תל אביב איד א איד וואס איז ווארעם פאר די זאך האט ער זיך ארויסגעלאזט צו אים אויף א באגעגעניש, דער איד האט ער נישט געטראפן אין שטוב, אבער אנשטאט דעם האט ער געטראפן א צווייטער איד און ווען יענער האט געהערט פון וואס עס רעדט זיך האט ער אויסגעדרוקט גרייטקייט צו העלפן.

עטליכע טעג שפעטער איז דער איד געקומען צוגיין קיין שדרות און געברענגט מיט זיך די סומע פון הונדערט טויזנט דאלער פאר'ן שול.

יעצט האט ער שוין געהאט א שטיקל סומע אין די הענט, עס איז נישט געווען גענוג, אבער ער האט ווייטער פראבירט זיין מזל און זיך געוואנדן צו אנדערע וואס האבן תורם געווען בעבר.

דער תורם האט צוגעזאגט אז ער גייט אראפקומען אין שטאט און זען פון וואס עס רעדט זיך. עטליכע טעג דערויף איז ער טאקע געקומען צוגיין און זיך אונטערגענומען די סומע פון 800 טויזנט שקלים.

יעצט האט ער שוין געהאט א גרעסערע סומע אבער עס האט נאך געפעלט צוויי מיליאן שקלים. יענעם טאג האט ער זיך דערמאנט פון א איד וואס פלעגט געבן געלט און זיך פארבינדן מיט יענעם און יענער האט געזאגט אז ער גייט געבן געלט.

ביז די ענדע פון די בויערײ  האט יענער געגעבן די סומע פון א מיליאן שקל.

די לעצטע געלטער איז געקומען פון אן עלטערע פארפאלק פון אמעריקע וואס האט באזוכט די שטאט און זיך אינטערעסירט אין די שול. דער איד  האט געהערט אבער אהיימגייענדיג פון די באזוך האט ער געכאפט א הארץ אטאקע און איז אוועק פון די וועלט.

זיין פרוי האט באשלאסן צו געבן דאס געלט פאר די שול און אזוי ארום האט זיך אויסגעשטעלט אז אין ווייניגער ווי דריי מאנאטן פון די מגילה ליינען איז דאס גאנצע געלט פאר די שול געווען דא און אויך די שול איז שוין געשטאנען פערטיג.

אז די נס זאל ווערן פאראייביגט האט דער רב באשלאסן אז ער גייט אויף הענגען א מגילה אויף די ווענט פון שול פאר א זכר פון די גרויסע נס וואס איז געווען אדאנק די מגילה ליינען אין די ימי הפסח.

# - די אמירה פון "שיר השירים" ביים סוף סדר נאכט -

עס איז אן אנגענומענער מנהג ביים כלל ישראל אז נאכ'ן ענדיגן די סדר נאכט זאגט מען די הייליגע מגילה פון שיר השירים.

אסאך טעמים איז דא צו דער מנהג, אין אסאך פוסקים ווערט געברענגט אז מען זאגט עס וויל אין אסאך פסוקים פון דער שיר השירים איז דא א רמז צו יציאת מצרים. (אזוי ווערט געברענגט אין די ספרים הק' של"ה פסחים תז; 'כסא רחמים' [לחיד"א] מסכת סופרים יב ב. וראה רש"י שה"ש ב ט ואילך).

און דאס זענען די ווערטער פון דער 'חיי אדם' (כלל קל, הסדר בקצרה אות טז): "חייב אדם לספר ביציאת מצרים עד שתחטפנו שינה, ולכן יש קוראים אחר הסדר שיר השירים" (וראה רמ"א או"ח תצ ט).

אויפ'ן חתם סופר דערציילט מען ('מנהגי חת"ס' פ"י אות כג) אז נאכ'ן ענדיגן די סדר נאכט פלעגט ער לערנען מיט זיינע תלמידים 'שיר השירים' מיט די פירוש רש"י און ווען זיינע תלמידים האבן געזען אז ער הייבט אן איינצודרימלען פלעגן זיי אוועקגיין פון אים און ער איז געבליבן דארט שלאפן ביז צופרי, ווען די זון האט אויפגעשיינט.

שטייענדיג אין אזא צייט ווען מען גייט זאגן שיר השירים לאמיר אראפברענגען עטליכע רמזים איבער שיר השירים וואו מען זעט אין איר די גרויסע מעלה פון ענטפערן אמן:

## דער 'ענטפערן אמן' איז מטהר דעם מענטש

**"מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו נָגִילָה וְנִשְׂמְחָה בָּךְ נַזְכִּירָה דֹדֶיךָ מִיַּיִן מֵישָׁרִים אֲהֵבוּךָ"** (שה"ש א ד)

האט דער בעל **'מנחת אלעזר'** געזאגט:

די ווערטער "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה" - איז ראשי תיבות אמן. דאס איז א רמז אז ווער עס ענטפערט אמן איז ממשיך אויף זיך א רוח טהרה און איז זוכה לעלות בקודש אין עבודת ה' און אז דער אמן געט אים די כח ארויפצוגיין הויך אין די מדריגות, ביז ער קומט אן צו די דרגה פון: "הֱבִיאַנִי הַמֶּלֶךְ חֲדָרָיו" וואס איז מרמז אויף - "חדרי משכיתו" און ער ווערט דבוק אין הקב"ה מתוך שמחה וגיל ווי דער פסוק זאגט ווייטער: "נגילה ונשמחה בך" ('דברי תורה' ח"ט אות יח).

און ווייל נאר דער וואס ענטפערט אמן איז זוכה צו די דרגה און דער וואס איז מברך איז נישט זוכה האבן חז"ל געזאגט אז דער עונה איז גרעסער און ווי עס שטייט אין די גמרא (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך".

נאך האט גע'דרשנ'ט רבי חיים כהן דער רב פון טריפאלי:

פון דעם רמז אז אמן איז נרמז אין די ווערטער: "משכני אחריך נרוצה" לערנט מען ארויס אז מען דארף זיך יאגן אין שול, אז מען זאל נישט מפסיד זיין אן אמן און ווי עס ווערט גע'פסק'נט אין 'שלחן ערוך' (או"ח נו א, וראה 'חסד לאלפים' שם א).

און דער פסוק פירט אויס דער שכר וואס מען באקומט אויף דעם אז עס ווערט מקויים דער "הביאני המלך חדריו" וועלכע איז מרמז אויף די הבטחה וואס חז"ל געבן אונז (שבת קיט ב): "כל העונה אמן בכל כוחו פותחים לו שערי גן עדן" און דארטן וועט נתקיים ווערן וואס עס שטייט ווייטער: "נגילה ונשמחה בך".

'דברי תורה' [לבעל 'מנחת אלעזר'] מהד' ט אות יח; 'תורת חיים' על 'רבינו בחיי' שמות יד לא

מען קען צולייגן צו די דערמאנטע ווארט אז די צווייטע אותיות פון די ווערטער: "מָשְׁכֵנִי אַחֲרֶיךָ נָּרוּצָה" איז 'שחר' (ראה 'עיני העדה' שיר השירים שם) און דאס איז א רמז צו די אמן וואס מען ענטפערט צופרי ביי ברכת השחר.

## ענטפערן 'אמן' איז מקרב די גאולה

**"אִתִּי מִלְּבָנוֹן כַּלָּה אִתִּי מִלְּבָנוֹן תָּבוֹאִי תָּשׁוּרִי מֵרֹאשׁ אֲמָנָה מֵרֹאשׁ שְׂנִיר וְחֶרְמוֹן מִמְּעֹנוֹת אֲרָיוֹת מֵהַרְרֵי נְמֵרִים"** (שה"ש ד ח)

האט דער הייליגער **אר"י** הק' געזאגט:

די ווערטער "אֲרָיוֹת מֵהַרְרֵי נְמֵרִים" - איז ראשי תיבות אמן, א רמז אז אין די זכות פון ענטפערן אמן איז מען זוכה אז עס ווערט מקויים ביי אונז וואס עס שטייט אנהייב פון דער פסוק: "אתי מלבנון תבואי" - אז די שכינה וועט צוריקקומען צו רוען צווישן אונז בביאת גואל במהרה בימינו.

'עץ חיים' שער הפסוקים שה"ש ד ח, ע"פ 'נחל אשכול' [לחיד"א] שם

די דורשי רשומות האבן צוגעלייגט אז נישט אומזינסט איז די מצוה פון אמן מרומז אין די ווערטער: "מִמְּעֹנוֹת אֲרָיוֹת מֵהַרְרֵי נְמֵרִים" ווייל עס איז דא אזאנע וואס שעמען זיך צו ענטפערן אמן בקול אדער מאכן א ברכה בקול און דער צושטעל צו דער לייב קומט מעורר זיין אז מען דארף זיין א גבור כארי און זיך נישט שעמען נאר זיין א גיבור און ענטפערן אמן און מזכה זיין אנדערע אידן.

## דער וואס מקפיד צו ענטפערן אמן איז זוכה אז ער ווערט אנגערופן א צדיק

**מַה יָּפוּ פְעָמַיִךְ בַּנְּעָלִים בַּת נָדִיב חַמּוּקֵי יְרֵכַיִךְ כְּמוֹ חֲלָאִים מַעֲשֵׂה יְדֵי אָמָּן** (ז ב)

די הייליגע חכמים דרשנ'ען דער פסוק (שהש"ר ז ה) "חמוקי ירכיך כְּמוֹ חֲלָאִים" ווי א שבח פאר כלל ישראל אז זיי זענען דבוק אין די מצוה פון מילה, אפילו אז עס איז א סכנה און עס איז דא קינדער וואס ווערן קראנק פון דעם. אין דער פירוש 'תורי זהב' אויף שיר השירים זאגט דער מחבר רבי הירץ **אברהם נפתלי שייער** דער רב פון מאגענצא אז דער המשך פון דער פסוק "מעשה ידי אמן" איז א שבח פאר אידישע קינדער אז זיי זענען מקפיד צו ענטפערן אמן.

וואס איז דער קשר צווישן די מצוה פון מילה און אמן? געט ער צו פארשטיין:

מיר טרעפן אז דער צדיק רבי חיים וויטאל שרייבט אז דער ווארט "ימול" וואס שטייט אין פסוק (ויקרא יב ג): "וּבַיּוֹם הַשְּׁמִינִי יִמּוֹל בְּשַׂר עָרְלָתוֹ" איז ראשי תיבות פון די ווערטער: "י"י משען ומבטח לצדיקים"און דאס קומט אונז אויסצולערנען אז יעדער איד וואס מל'עט זיך ווערט אנגערופן א צדיק און די זעלבע טיטול טרעפן מיר אויך אויף דער וואס ענטפערט אמן ווי די גמרא דרשנ'ט (שבת קיט ב) אויפ'ן פסוק (ישעיה כו ב): "'פתחו שערים ויבא גוי **צדיק** שמר אמנים' - "אל תקרי שמר אמנים אלא שאומרים אמן" - האט מען פון דעם די שייכות צווישן מילה און אמן אז אויףביידע איז דא דער טיטול צדיק.

'פרי עץ חיים' שער העמידה כ; 'תורי זהב' שיר השירים ז ב




**"כֵּן הוּא הָאֱמֶת שֶׁ'אָמֵן' גָּדוֹל מִצַּד עַצְמוֹ וְלִגְדֻלָּתוֹ אֵין חֵקֶר"**

**('שְׁלָ"ה' מַסֶּכֶת תָּמִיד אוֹת פא).**



## שערי ישועה

### די סגולה פון ענטפערן אמן

די פאלגענדע מעשה איז ארייגעשיקט געווארן צו די מערכת דורך א טייערער איד וועלכע וואוינט אין די רמות געגענט אין ירושלים עיה"ק. דער איד דערציילט אז פאר 'יארן איז ער און זיין בני בית מקפיד טאג טעגליך צו זאגן ברכת השחר בחברותא און זיי האבן שוין זוכה געווען צוזען גרויסע ישועות אין זכות פון די הנהגה, אבער די פאלגענדע געשעעניש איז עולה על כולנה און זיי ווילן דאס מיטטיילן מיט די טייערע ליינער.

טאג טעגליך פארן ארויס הונדערטע אידן אין די צופרי' שעה'ן פון די רמות געגענט צו די צענטראלע טייל פון די שטאט. די רייזענדער זענען געווענליך די זעלבע און ווען יענער טאג האט זיך דערקענט א שטראם פון יונגע בחורים וועלכע האבן זיך באזעצט אין די פארדערשטער טייל פון די באס און אנגעהויבן מאכן ברכות צווישן זיך בחברותא, האט עס געצויגן די אויפמערקזאמקייט פון די רייזענדער.

די ערשיינונג האט געברענגט אן אנגעלייגקייט אויפ'ן באס. געוויסע רייזענדער האבן אנגעמערקט פאר די בחורים אז זיי שטייען אין וועג, אז זיי זאלן זיך אוועקזעצן אויף זייער ארט, ווייל זיי שטערן די דורכגענג.

איין בחור וועלכע איז געווען פון די וואס מען האט אים אנגעמערקט האט געוויזן פאר דער וואס האט אים אנגעמערקט אז ער ענדיגט שוין די ברכה'ס און ער גייט זיך שוין אוועקזעצן, אבער אין יענע רגע האט פאסירט א שטוינענדע זאך.

## די אמן וואס האט אפגעהאלטן די טראגעדיע

נאך דעם וואס א קאר האט זיך געגעבן א פלוצלונדיגער דריי אריין אין די 'שאסיי' וואו דער באס איז געפארן און דער באס דרייווער איז מורא אז דער באס זאל ארייקראכן אין די קאר, האט געמאכט א פלוצלונדיגער סטאפ.

דער סטאפ איז געווען אזוי פלוצלונג אז אלע רייזענדער זענען געפלויגן פאראויס.

צווישן די רייזענדער איז אויך געווען א מאמע וואס איר קליין קינד איז געזעסן אויף איר שטויס און ווען דער באס האט זיך אפגעשטעלט און אלע זענען געפאלן, איז דאס קינד ארויסגעפלויגן פון איר שויס פליענדיג אויף פאראויס.

דאס קינד איז געפלויגן פאראויס און די מאמע האט געגעבן א היסטערישער געשריי. דאס קינד איז געפלויגן אבער די קערפער פון דער בחור וואס איז געשטאנען אויפ'ן וועג, וועלכע האט יענע סעקונדע געענדיגט מאכן די ברכה 'הגומל חסדים טובים לעמו ישראל', האט אפגעשטעלט דאס קינד פון ווייטער לויפן און אז דאס קינד זאל זיך חלילה ארייקנאקן אין עפעס ערגער ה"י.

יעצט האבן אלע אנערקענט אין די גרויסקייט פון אמן און די שמירה וואס ז' ברענגט, ווי עס שטייט 'שומר אמונים' ווייל אמן ברענגט מיט זיך א שמירה עליונה.

## שערי גן עדן

### אמן און ברכות אין די וועג פונעם בעל הילולא



אן אנדענקן טאוועל ביים ארט וואו עס איז אמאל געשטאנען דער אידישער בית החיים אין לעמבערג.

### דער הייליגער סמ"ע

#### י"ט ניסן שע"ד

רבי יהושע וואלק [פאלק] כץ איז געבוירן געווארן צו זיין פאטער רבי אלכסנדר אין יאר ה' אלפים ש"ו.

אין זיינע יונגע יארן האט ער געלערנט תורה ביים הייליגן רמ"א און דער הייליגער מהרש"ל.

נאך זיין חתונה האט דער סמ"ע געדינט אלץ רב אין עטליכע קהילות אבער איינזענדיג אז די רבנות נעמט צו זיין צייט און לאזט אים נישט לערנען האט ער עס אפגעלאזט.

ער האט געעפענט א גרויסע ישיבה אין די שטאט לעמבערג. זיין שווער רבי ישראל איידליס, פון די גרויסע עשירים אין די שטאט, האט אויסגעהאלטן די ישיבה, אזוי אז דער סמ"ע האט געקענט זיצן און לערנען און עוסק זיין בהרבצת התורה אומגעשטערט.

צווישן די גרויסע תלמידים וואס ער האט געהאט האט זיך געציילט דער 'של"ה הק', דער 'בעל מגיני שלמה' זי"ע און דער 'בעל צידה לדרך'.

דער סמ"ע איז פון די עמודי הוראה בישראל. זיינע הייליגע ספרים ווי די 'דרישה' און די 'פרישה' אויפ'ן הטור און דער'ספר מאירת עיניים' ['סמ"ע'] אויפ'ן 'שלחן ערוך' חושן משפט זענען פון די ספרי היסוד ביים כלל ישראל. אין שו"ת 'חות יאיר' (סי' מו) שרייבט דער חות יאיר די פאלגענדע ווערטער: "וכבר נתפשט המנהג בכל תפוצות ישראל לפסוק כרמ"א והסמ"ע תלמידו".

דער סמ"ע איז נפטר געווארן שבת חות המועד פסח י"א ניסן שע"ד און ער ליגט אין די אלטע בית החיים פון די שטאט לעמבערג.

### "גדול העונה"

די ראשונים שטעלן זיך שוין אויף די גמרא (ברכות נג ב): "גדול העונה אמן יותר מן המברך" און פרעגן פארוואס איז אזוי? דער מברך פלאגט זיך און מסכים א ברכה און דער עונה ענטפערט נאר אמן - פארוואס זאל דער מברך זיין גרעסער פון דער עונה?

דער סמ"ע גיט עס צו פארשטיין מיט צוויי מהלכים ('פרישה' קכד ז):

א. די ערשטע מהלך איז אז דער וואס ענטפערט אמן פארדינט דאפעלט, סיי די ברכה און סיי די 'אמן', ווייל חכמים זאגן דאך (סוכה לח ב): "שומע כעונה", קומט אויס אז ווען ער ענטפערט אמן האט ער ביידע, ער האט סיי די ברכה און סיי דער אמן. דאגעגן דער וואס מאכט די ברכה האט נאר די ברכה, ווייל ער קען נישט ענטפערן אויף זיין ברכה, ווייל חז"ל זאגן אונז (ברכות מה ב): "העונה אמן אחר ברכותיו - הרי זה מגונה" און וועגן דעם איז גרעסער דער עונה פון דער מבורך.

ב. נאך א טעם איבער איר גרויסקייט פארוואס ז' איז גרעסער ווי דער מברך ווייל חז"ל זאגן אונז (שבועות לו א) אז אמן האט אין זיך דריי משמעות'ער: א. עס איז מקיים א "שבועה" אז ווער עס ענטפערט אמן אויף א שבועה וואס א צווייטער האט ארויסגעזען פון מויל איז עס ווי ער איז מוציא שבועה מפיו . ב. די צווייטע זאך איז "קבלה" אז דער וואס נעמט זיך אויס מיט זיין חבר א תנאי' כל שהוא און דער חבר האט געגטפערט אמן אויף זיינע ווערטער איז עס ווי ער האט מקבל געווען אויף זיך די תנאי' און ער איז מחוייב עס מקיים צו זיין. ג. די דריטע זאך איז "אמונה" אז דער וואס ענטפערט אמן נאך א תפילה אדער א ברכה אדער א תחינה וואס א צווייטער האט געזאגט איז עס ווי ער גלייבט אז די זאך גייט געשען און עס איז א בחינה פון אמונה.

לויט דעם קומט אויס אז ווען א איד זאגט אמן איז ער מקבל שכר פאר דריי זאכן און וועגן דעם איז גדול העונה אמן מן המברך ('פרישה' שם).